נייעסן, באריכטן, אנטוויקלונגען און היסטאריע פון
מוסדות יטב לב דרבינו יואל בארה"ק
לצדקת רבי מאיר בעל הנס

גליון כ"א

# בקודש חזיתיך

ארויס געגעבן דורך הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ב

שבת מברכים אב • שנת תשע"א לפ"ק

# "פאַרלוירן!"

## אוי, וויאַזוי קומט מען צוריק?

באארבעט דורך: הכותב

די אידישע גאַס איז שאָקירט. דער מח באַגרייפט עס נישט. פאַרלוירן! אַזוי שטאַרק געזוכט, און פאָרט נישט געפונען. ווער האָט זיך דען געראָכטן אויף אַזאַ ביטערע ענדע?

א קליין קינד, א באַחנ'ט אידיש אינגעלע איז פאַרלוירן געוואָרן, וואָס ליידער וועט מען אים מער נישט טרעפן עדי יקוצי וירננו שוכני עפר, אָבער נישט נאָר ער איז פאַרלוירן. "מיר" אַלע זענען פאַרלוירן!.

"ראש חודש 'מנחם אב' יהי' ביום השני" וועט גאַנץ כלל ישראל אויסשרייען היינטיגן שבת קודש, און א טרייסל כאַפּט יעדן איינעם אַרום. שוין 1,943 יאָר וואָס אידן האָפן און בעטן "מנחם" אב, השי"ת דער רחמנות'דיגער טאַטע זאָל שוין טרייסטן דעם חודש אב אין וועלכן מיר זענען צוויי מאָל ביטער געשלאָגן געוואָרן. ס'איז אַוועקגענומען געוואָרן דער קרוין פון אונזער קאָפּ. דאָס הייליגע ביהמ"ק וואו מיר אַלע האָבן זיך געשפּירט אַזוי פאַרזיכערט, אַזוי נאָנט צום טאַטן אין הימל, איז ליידער חרוב געוואָרן, און מיר אַלע זענען פאַרלוירן געוואָרן פון אונזער היים. מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן אין ביטערן גלות וואו מיר געפונען זיך נאָך ביז היינט.

ס'גייט דורך א יאָר נאָך א יאָר, און מיר האַלטן ליידער אין איין גיין טיפער און טיפער אין גלות אריין. מיר בלאנזשען אַרום, תעינו כשה אובד, און מיר זענען נישט קיין וועג אַרויס. מיר וואָלטן דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט זיך צוריקזען אונטער די מאַמעס פארטוך, מיר לעכצן און וואַרטן צו טרעפן א בליץ, א ווונק פון הימל אַז "הנה זה בא" אָבער דערווייל "קוינו לטוב ואין" די צייט איז נאָכנישט אָנגעקומען, און אַנשטאַט גיין אויף צוריק, גייען מיר ליידער אויף די פאַרקערטע ריכטונג. מיר ווערן אַלס מער און מער פאַרלוירן, אַלס מער און מער דערווייטערט, און מיר זעען נישט דעם וועג אויף צוריק.

"ה' צלך" איז געווען מרגלא בפומי' פון הייליגן בעל שם טוב הק' זי"ע. השי"ת פירט זיך מיט'ן מענטש אויפ'ן זעלבן אופן ווי דער מענטש פירט זיך מיט השי"ת, און ווי דער פּסוק זאָגט אין משלי "כמים פנים לפנים".

אויב איז עס טאַקע אַזוי, מיר זוכן דעם וועג אויף צוריק, איז בלי ספק אַז מדה כנגד מדה, וועט השי"ת אונז אויפזוכן, און מיר וועלן בקרוב שוין זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן. די ברענעדיגע שאלה איז אָבער, זענען מיר טאַקע פאַרלוירן? אפשר האָט ח"ו דער כובד הגלות צוגעברענגט אַז מיר שפּורן זיך גאָרנישט פאַרלוירן? אפשר האָבן מיר ליידער זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט אַז "אין דורש ואין מבקש" מ'זוכט נישט דעם וועג אַרויס?

2

פאר הערות, קאמענטארן,
אדער צו באקומען דעם גליון
פארבינדט אייך מיט אונז אויף:
Tel: 1877-YETEV-LEV
(1877-938-3853)
Fax: 866-594-0261

המולד
של חודש אב
שבת נאכמיטאג
3:40
מיט 12 חלקים
ראש חודש: מאנטאג

# "פאַרלוירן!"

## אוי, וויאַזוי קומט מען צוריק?

א

אָבער אויב אין די גליקליכסטע זמנים פון לעבן, די העכסטע מאָמענטן ווען דער קאָפּ איז פאַרנומען מיט הונדערט זאַכן, די חושים זענען איבערגעוועלטיגט מיט פרייד, מ'קען קוים רעכט טראַכטן פון א צווייטע זאַך, און דאַך, אין דעם מאָמענט געדענקן מיר פון אונזער היים "ירושלים", מ'דערמאַנט זיך אַז אַמאָל האָבן מיר געהאַט א הייליגן בית המקדש וואָס מ'האָמיר פאַרלוירן; יאָ אמת, איצט איז א פרייליכער זמן, מ'פּראַוועט א שמחה אין שטוב, אָבער דאָך צייגט מען אַרויס אַז ווי פרייליך מ'איז נאָך, איז די שמחה נישט בשלימות, ווייל א שמחה בשלימות איז נאָר ווען עס ווערט געפּראַוועט צוזאַמען מיט א ביהמ"ק, דאַן צייגט מען וואָס מען שפּירט, אַז מען איז טאַקע פאַרלוירן! מ'זוכט א וועג אויף צוריק, און אויב זענען מיר פאַרלוירן איז דאָ א שטאַרקע האָפענונג אַז השי"ת וועט אונז נאָך אַמאָל זוכן צו טרעפן.

"נעלה את ירושלים על 'ראש' שמחתינו" - זאָגט דער פסוק. טאַקע דאַן ווען דער 'ראש', ווען דער קאָפּ קען שווער פארנעמען פון טראַכטן פון עפּעס אַנדערש, טאַקע דאַן געדענק, האַלט קאָפּ און צייג אַרויס אַז, ניין, די שמחה איז ליידער נישט בשלימות, און מיר קענען קוים וואַרטן צו פּראַווען א שלימות'דיגע שמחה צוזאַמען מיט משיח צדקינו צוזאַמען.

ווי אַזוי צייגט מען דאָס? פאַרשידענע מנהגים איז איינגעפירט ביי כלל ישראל, צו דערמאָנען דעם חורבן בשעת א שמחה, אָבער פון די שטערקסטע און אנגענומענסטע איז, אַז בשעת א שמחה זאָל מען געבן צדקה פאַר "צדקת רבי מאיר בעל הנס" פאַר די ערליכע מוסדות אין ארץ ישראל, וואָס אייגנטליך, מיט די ערליכע מוסדות, מיט דעם בויט מען די ריכטיגע ארץ ישראל, וואָס נאָר דאָס וועט פאַרבלייבן אין ארץ ישראל ווען משיח צדקינו וועט קומען.

אָט דאָס טוען די געטרייע עסקניות פון אונזערע הייליגע מוסדות, וועלכע זענען שטאַרק טעטיג צו דערמאָנען בעלי שמחה בשעת סיי וועלכע שמחה מען פּראַוועט, צו געדענקן דעם זכרון פון ציון וירושלים, דורכ'ן שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות. ודבר בעתו מה טוב, איז אַצינד ווען כלל ישראל איז אין די ימי בין המצרים, א פּאַסיגע צייט ווידעראַמאָל צו דערמאָנען איבער דאָס נחיצות פון אָנהאַלטן דעם מנהג ישראל, דורכ'ן זיך באַשטייערן מיט סכומים הגונים לטובת מוסדותינו, ביי סיי וועלכע שמחה מען פּראַוועט אין שטוב.

ומתן שכרה בצידה, עס איז טאַקע א הייליגער מנהג, אָבער עס קומט באַגלייט מיט א אויסטערלישע בענעפיט פאַר די מתנדבים בעם. טאַטע-מאַמע גרייטן זיך צו די שמחה פון א קינד. מ'האָט אים\איר מגדל געווען אַכצן\ניינצן יאָר, אַצינד גייט מען אים\איר פירן אונטער די חופה, דאָס הארץ איז איבערגעפילט מיט פרייד פון איין זייט, און אין די זייט גנב'ט זיך אַריין א וואָלקן פון זאָרג. וועלן זיי מצליח זיין? וועלן זיי זוכה זיין צו ציען ווייטער דעם גאָלדענעם קייט, און אונז ברענגן דעם נחת אויף וואָס מיר קוקן אַזוי שטאַרק אַרויס? מי יודע? ווער קען עס דען בכלל פאַראויסזען?

דאָס זעלבע איז ווען מען האַלט פאַר סיי וועלכע שמחה. מ'איז מכניס א קינד לעול התורה והמצוות. מ'האָפט דאָך אַזוי שטאַרק אַז דאָס קינד וועט אויפנעמען דעם יצר טוב מיט אָפענע אַרעמס, און ער וועט אויסשטייגן א תלמיד חכם, א ירא שמים, א בעל מדות טובות און וואָס נישט. צי א חאַלאַקע קינד וואָס מ'מאַכט אים פיאות, וואָס מ'האָפט אַז מיט'ן אָנהייבן לערנען די א"ב וועט ער גיין מעלה מעלה צו פאַרשטיין כל התורה כולה, און אויסצושייגן א ירא שמים מרבים.

א טרערעלע גליטשט זיך אַרויס פון די מאַמעס אויג, און הייסער קאַפּיטל תהלים ווערט געזאָגט דורכ'ן טאַטן, אוי הייליגער באַשעפער, העלף אַז מיין קינד זאָל מצליח זיין מיט אַלעם וואָס דאָס וואָרט "הצלחה" קען אריינעמען אין זיך!

תפלה איז זייער א הייליגע זאַך, אָבער ווען עס איז באַגלייט מיט "צדקה" איז עס פיל מער ווירקזאַם, און אַז מען געט די צדקה פאַר "רבי מאיר בעל הנס" די אנגענומענסטע און אויסגעפּראוווסטע סגולה ביי כלל ישראל, איז די תפלה גאָר שטאַרק, עס גייט אַרויף אין הימל, עס מאַכט דאָרט א רעש און געטומל, וחזקה על תפלתו של רבי מאיר שאינו חוזרות ריקם! א תפלה צוזאַמען מיט רבי מאיר פועל'ט אַלעס גוטס!

און נישט נאָר בשעת א שמחה. דאָס זעלבע איז דורכאויס יעדע שריט און טריט און לעבן. ווי אָנגעהויבן דעם מאמר, האָט כלל ישראל ליידער דורכגעלעבט א שרעקליכע טראַמאַ. הלוואי ווען עס וואָלט נישט פּאַסירט, אָבער אַז עס איז פּאַסירט, א קינד איז ר"ל "נישט אַהיימגעקומען" אויף אַזאַ שרעקליכן אופן, האָט מען אָנגעהויבן אונטערצוזעמען פאַרשידענע באַווארענונגס מיטלען אַז אַזאָנס זאָל זיך חלילה נישט איבער'חזר'ן. עלטערן זאָגן אָן די קינדער פאַרשידענע אזהרות, און מוסדות התורה נעמען אַליינס אונטער פאַרשידענע מעטאָדן צו פאַרמיידן אַזעלכע אינצידענטן בעתיד.

אָבער וויפיל מ'טוט אַליינס, און וויפיל מ'היט אַליינס צאַפּעלט נאָך דאָס הארץ פון עלטערן און געשוויסטער יעדן אינדערפרי, וואָס וועט זיין מיט די קינדער? און יעדער ווייסט און חזר'ט דאָס זעלבע "אם ה' לא ישמור עיר שוא שקד שומר". אויף טריט און שריט דאַרף מען מתפלל זיין, און אַז מען שיקט אַרויס א קינד אינדערפרי, דאַרף מען אים באַגלייטן מיט א הייסע תפלה "העלף אַז מייַנע קינדער זאָלן אַהיימקומען פריש און געזונט".

און ווידעראַמאָל, וואָס קען דען זיין מער ווירקזאַם ווי "צדקת רבי מאיר בעל הנס"? איידער די קינדער גייען אַרויס פון שטוב, צי אפילו שפּעטער נאָכדעם וואָס די קינדער זענען שוין אין חדר, גייט די מאַמע צו צו די הייליגע "יטב לב פושקע" מ'וואַרפט אַריין א סכום געלט, און "דאָרט" ביי די פושקע בעט מען מיט וואַרימע ווערטער "אלקא דמאיר עננו אַז מייַנע קינדער און איך אַליינס זאָלן אָפּגעהיטן ווערן פון אַלעם בייזן ח"ו". אַזאַ תפלה טוט דאָך אויף גדולות ונצורות, און אָט "דאָס" הייסט באַגלייט קינדער מיט אַן אחריות און געפיל, וויסענדיג אַז מ'האָט די קינדער געגעבן די בעסטע און ווירקזאַמסטע שמירה.

און אַז מיר וועלן זיך האַלטן צו "צדקת רבי מאיר בעל הנס" בשעת א שמחה און אין סיי וועלכע צייט אין יאָר, וועט השי"ת זען ווי ציון וירושלים ליגן אונז שטענדיג אויפ'ן געוויסן, ויקרב גאולתינו ויקבץ נידחינו, בביאת גואלינו, ואז ננחם.

**וויכטיגע נומערן פון מוסדות יטב לב**

**מזכיר צו זיין א בקשה**
רופט אונזער צענטראלער נומבער
1877-YETEV-LEV (1877-938-3853)
Fax: (866) 594-0261

**פאר אלע אנגעלעהייטן איבער'ן מפעל "החזקת מלמד":**

| | |
|---|---|
| הר"ר מאיר פערל, וויליאמסבורג | (917) 836-0447 |
| הר"ר הלל מנשה מארמארשטיין, וויליאמסבורג | (347) 243-8419 |
| הר"ר אשר זעליג בלייך, קרית יואל | (845) 662-5250 |
| הר"ר משה חיים קאהן, בארא פארק | (718) 812-5249 |
| הר"ר יואל נפתלי ווייס, מאנסי | (845) 270-2946 |
| הר"ר קלמן אליעזר לעווי, מאנטריאל | (514) 915-6315 |

**אויס צו ליידיגן א פושקע אדער פאר א נייע פושקע:**

| | |
|---|---|
| הר"ר יעקב הערש צין, וויליאמסבורג | (347) 623-5486 |
| הר"ר יואל צבי הירשפעלד, קרית יואל | (845) 662-4091 |
| הר"ר משה חיים קאהן, בארא פארק | (718) 812-5249 |
| הר"ר יואל נפתלי ווייס, מאנסי | (845) 270-2946 |
| הר"ר קלמן אליעזר לעווי, מאנטריאל | (514) 915-6315 |

אדער רופט אריין אין אפיס אויף די אויבענדערמאנטע אפיס נומער

**נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו**

**מזכיר צו זיין די נעמען פון אייער:**
חאלאקע איינגעל, בר מצוה בחור, חתן כלה
אין אונזערע מוסדות בארה"ק אין טאג פון זייער שמחה:

| | |
|---|---|
| מרת גוטמאן (ר' אברהם), וויליאמסבורג | (718) 384-2050 |
| מרת שווארץ (ר' שמשון), קרית יואל | (845) 783-8125 |
| מרת קלאגסברוין (ר' נפתלי), בארא פארק | (718) 436-2403 |

**אדרעסן**

Yetev Lev Eretz Yisruel Inc.
POB 2123 - Monroe, NY 10949
New Location
2 Skillman St. #302
Brooklyn NY 11205
7 Hayes Ct. #102
Monroe NY 10950

כ"א

רייכער אפהאנדלונג איבער

„מעות ארץ ישראל" לצדקת

# רבי מאיר בעל הנס



די ערשטע צוויי שליחים פון די חסידישע עדה אין צפת, ר׳ ישראל מפוליצק און ר׳ שלמה סג"ל, האבן באוויזן צו שטעלן א שטארקן יסוד פאר זייער צדקה צוועק אין רייסן און אין ליטא, און אויך אין עטליכע גלילות אין פולין. און אין זייער פיס טריט זענען ארויסגעפארן יעדעס יאר צוויי שליחים וואס האבן איינקאסירט די געלטער וואס מען האט געזאמלט במשך דעם יאר. אין די הענט פון די שליחים פלעגט איבערגעגעבן ווערן יעדעס יאר א בריוו פון די צדיקים ומנהיגי הקהלה, הרה"ק רבי מענדלע וויטעבסקער, הרה"ק רבי אברהם מקאליסק, זכותם יגן עלינו, און אין די בריוון האבן די צדיקים געשריבן וועגן דעם מצב פון די אידן אין ארץ ישראל, און געבעטן מען זאל זיי שטיצן מיט א ברייטע האנט. אויך האבן זיי אין דעם בריוו געשריבן דברי חיזוק ודברי ברכה פאר זייער חסידים אינדערהיים, וואס האבן געלעכצט צו הערן א חיזוקווארט פון די צדיקי עולם. איבערהויפט ווען זיי אין חוץ לארץ, האבן אויך נישט געהאט קיין גרינג לעבן. אויך זיי האבן זיך געמוטשעט מיט פרנסה, און מיט גזירות המלכות, וכדומה. און די ווערטער פון די צדיקים איז געווען פאר זיי כמים קרים על נפש עייפה.

אזוי האט זיך אנטוויקלט א שייכות און א פארבינדונג צווישן די אידן אין חוץ לארץ און די אידן אין ארץ ישראל. א פארבינדונג וואס האט נאך מער אופגעפלאמט די הייסע געפילן פאר ארץ ישראל, און איז געווען א טרייב-קראפט וואס האט באוואויגן נאך און נאך אידן צו קומען וואוינען אין הייליגן לאנד.

די שד"ר׳ן וואס פלעגן אנקומען קיין חוץ לארץ, האבן געברענגט א לעבעדיגן גריס פאר די דארטיגע אידן פון זייערע קרובים, טאטע׳ס מאמע׳ס און אזוי ווייטער, וואס וואוינען אין ארץ ישראל, און האבן געדינט ווי "עצה געבער" פאר די אידן וואס ווילן קומען לעבן אין ארץ ישראל. זיי האבן גע׳עצה׳ט וואס מען זאל טאן, און וואו מען זאל גיין וואוינען. און ווען די אידן זענען געקומען וואוינען קיין ארץ ישראל, האבן די שד"ר׳ן – וואס האבן זיך שוין געקענט מיט די אידן ווען זיי האבן באזוכט אין חוץ לארץ – געדינט ווי באגלייטער און ארויסהעלפער, זיי זאלן זיך קענען איינארדענען, ביז זיי גלידערן זיך איין אינעם ארטיגן לעבן.

אין יאר תקמ"א זענען א טייל חסידים, ובראשם רבי מענדעלע וויטעבסקער אריבער געגאנגען וואוינען קיין טבריה, און איצט האט מען שוין געשיקט שליחים פאר די אידן פון צפת און פון טבריה. אין צפת בראש פון רבי אברהם קאליסקער, און אין טבריה בראש פון רבי מענדעלע. זכותם יגן עלינו.

ווי באקאנט איז א תקופה פאר זייער ארויפגיין קיין ארץ ישראל, געווען א גרויסע מחלוקה אין יענעם געגנט – ליטע, רייסן, פאדאליע און נאך – צווישן די חסידים אין די מתנגדים. גענויער: פון די מתנגדים קעגן די חסידים און זייערע הייליגע רבי׳ס. און די צוויי מנהגים פון דעם אשכנזישן אידנטום אין גליל, האבן געפילט אז אט דער מחלוקת קען גאר אסאך שאדן טאן פאר די אידן אין ארץ ישראל. דעריבער האבן זייביידע פרובירט אויסצוארבעטן א שלום, און דעם מקום פון וואו זיי זענען געקומען. די צדיקים האבן געפילט און געהאפט אז די אהבה צו ארץ ישראל, וואס איז דא סיי ביי די חסידים און סיי ביי די מתנגדים, קען זיי פאראייניגן און אפשטעלן דעם פלייץ פון מחלוקת. דעריבער האבן זיי אין די בריוון וואס זיי האבן געשריבן, געבעטן און אפעלירט מען זאל שליסן א שלום און זיך איבערבעטן אויף די מחלוקת ביז איצט.

שוין אינעם ערשטן בריוו פון יאר תקל"ח האט רבי מענדעלע אפעלירט מען ◀

א ווארט פון

# אונזערע רבי׳ס

**זיקוקין דנורא, קורצע און בליציגע ווערטער פון רבוה"ק**

איבערן חוב און זכות פון שטיצן מוסדותינו הק׳

## געלעגנהייט מהנה צו זיין רביה"ק זי"ע

...אבער אז מען קוקט זיך אים, ווי איז דער וועג מען זאל זיך קענען האלטן, נאר דורך די דביקות אין בוכ"ע, ווי איז דער וועג מען זאל קענען זיין דבוק אין הקב"ה, איז דער וועג פירט אונז נאר דורך דביקות אין צדיקים.

די גמרא זאגט ווי אזוי איז מען דבוק אין א תלמיד חכם, המהנה תלמיד חכם מנכסיו, ווער ס׳איז מהנה א תלמיד חכם פון זיין געלט, זעט אויס א דער וועג דבוק צו זיין אין תלמידי חכמים איז אז מען איז מהנה א תלמיד חכם מנכסיו.

**אונז ווייס מיר אז דער פעטער ז"ל האט געהאט ממש מסירות נפש פאר די מוסדות דא**, און פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, דער פעטער ז"ל איז איצט בגנזי מרומים, ביז איצט ווען ער איז דא געווען האט מען געקענט מהנה זיין א תלמיד חכם מנכסיו, יעדער האט געזען אז ווער ס׳האט זיך אנגערופן מיט געלט, אז ער האט הנאה געהאט דערפון, מען האט מהנה געווען תלמיד חכם מנכסיו, מען האט אים נישט געקענט מהנה זיין ווען מען האט געגעבן די געלט פאר אים אליין, ער האט עס נישט געברויכט דאס געלט, אבער אז מען האט געגעבן פאר זיינע מוסדות האט מען אים מהנה געווען.

און אצינד קען מיר אונז מהנה זיין תלמיד חכם מנכסיו, אונז האב מיר א מעגליכקייט דורך געבן געלט פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, איז נישט קיין ספק אז ער קומט אהער און קוקט זיך אים.

(רבינו בעל ברך משה זי"ע, יום א׳ נשא שנת תש"מ במסיבה להחזקת מוסדות יטב לב)

## אונז זעמיר שולדיג פאר מוסדות יטב לב

אונז ווייס מיר אז דער פעטער ז"ל איז געקומען אהער וועגן די מוסדות אין ארץ ישראל, דאס איז געווען די גאנצע סיבה, ווען נישט וואלט ער ווען קיינמאל נישט געקומען קיין אמעריקא, און דער אייבערשטער האט אזוי מסבב געווען אז ער האט נישט מצליח געווען, און ממילא האט ער געמוז פארבלייבן מער ווי ער האט געוואלט, (ווייל ער איז דאך געווען גרייט צו קומען און צו פארן, אונז ווייס מיר ער האט נישט געהאט דא קיין דירה ער האט געוואוינט אין א בעיסמענט דארט אין וויליאמסבורג, ער האט נישט געוואלט האבן בשום אופן א דירה, ער איז געקומען און האט געוואלט צוריק פארן קיין ארץ ישראל, נאר וואס דען, די מצב איז געווען זייער שווער מיט געלט איז ער דא פארבליבן), נאכדעם ווען ס׳האט אויסגעבראכן די מדינה האט ער שוין מער נישט געוואלט צוריקגיין, ער האט געזען פון הימל אז ער האט נישט געדארפט צוריק פארן, ער איז אזוי פארבליבן דא און געגרינדעט די מוסדות, און ב"ה מען זעט די מוסדות וואס ער האט דא אויפגעטון...

קומט אויס אז אונז זעמיר אסאך שולדיג פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, ווייל זיי זענען געווען די סיבה פארוואס דער פעטער ז"ל איז אהערגעקומען....

...כאטש מען ווייסט אז מען פלאגט זיך דא גענוג מיטן מוסד וואס איז דא דא, און די אלע האלטן צו מיט מסירות נפש, און אזוי מוטשעט מען זיך איבעראל מיט די אייגענע מוסדות, דאך ליגט א חיוב אויף יעדן איינעם פון אונז, וואס ווייסט ווי ווייט דער פעטער ז"ל האט געוואלט האבן די מוסדות אין ארץ ישראל, ליגט א חוב אויף יעדן איינעם זיך זען אנצושטרענגן מיט וואס מען קאן...

...און דער פעטער האט מבטיח געווען אז ער וועט זען צוריק צו צאלן פאר די אלע וואס וועלן טון, און איך בין מאמין באמונה שלימה, אז די אלע אידן וואס העלפן צו, דורכדעם ווערן זיי געהאלפן, ס׳איז קיין שום ספק אז דער אייבערשטער וועט משפיע זיין פאר די אלע וואס העלפן צו, ווייל ארון נושא את נושאיו.

(רבינו בעל ברך משה זי"ע, יום א׳ תצוה שנת תשמ"ב במסיבה להחזקת מוסדות יטב לב במאנסי)















# ראשית ממלכתו

## עפיזאדן, שטריכן, היסטארישע געשעענישן, ארום דעם התייסדות פון מוסדות יטב לב דסאטמאר

אין קורצן פון פריער: פאַרגאַנגענעם חודש האָבן מיר פאַרענדיגט מיט'ן ברענגן די חילופי מכתבים צווישן די הנהלת ביהמ"ד און מרן רביה"ק זי"ע איבער'ן התייסדות פונעם ביהמ"ד. ווי דערמאַנט האָט דער רבי זי"ע געשריבן דעם מכתב ברכה ערשט בחודש תמוז תרצ"ה, נאָך עטליכע חדשים פון ווען די קהלה איז אָפיציעל נתייסד געוואָרן ביום ב' פרשת שמות תרצ"ה.

דאָס התייסדות פון די קהלה איז אָפיציעל אָפגעשריבן געוואָרן אינעם פראָטאָקאָל ביכל וואָס די קהלה האָט אַנטהאַלטן, און שוין א טאָג דערויף, דינסטאָג נאַכט פרשת שמות איז אָפגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע אסיפה, ביי וועלכן מען האָט באַשטימט טייל פון די פעסטע תקנות פונעם ביהמ"ד, וואָס אייגענטליך, צוליב די תקנות איז דאָך דאָס גאַנצע ביהמ"ד געבויט געוואָרן.

מיר ברענגן דאָ געציילטע אינטרעסאנטע סעיפים פונעם פראָטאָקאָל:

**ב"ה, פרטי כל מספר א'**

**באור ליום ד' י"ט שבט תרצ"ה נועדו לאסיפה כללית והופיע להאסיפה ה"ה וכו'. ר' ראובן האאז פתח את האסיפה ומסר רשות הדיבור לר' מאיר מנחם ווידער שיתן סקירה כללית על העבר מדין ודברים שבין כ"ק אדמו"ר מרן שליט"א ובין מתפללי ביה"מ הנקרא מארמאראש, ואח"כ מבקש את ר' צבי פנחס מאשקאוויטש שיקרא את סדר התקנות, וכל מי שיש לו מה להעיר או לעורר עליהם הרשות בידו, והחלטנו פה אחד המבואר להלן.**

**א) לייסד בית המדרש מקום מקדש מעט לתורה ולתפלה עפ"י המסורה ברוח ישראל סבא, ועפ"י מבועי החסידות בעקבות אבותינו ורבותינו הצדיקים והקדושים נוחי נפש כדי לנטוע בלבבינו ובלב בנינו ובו"ב יראת ה' ואהבתו להגדיל תורה ולהאדירה, לגדור גדר ולעמוד בפרץ נגד כל שמץ התחדשות ושיתנהל עפ"י כ"ק אדמו"ר מרן מוה"ר יואל טייטלבוים שליט"א האבדק"ק סאטמאר יצ"ו על פיו יצאו ועל**



דער פרוטוקול

**פיו יבואו כל צעדינו כאשר יורנו וכאשר יצונו נעשה ולאורו נסע ונלך, ושיקרא שמו "אוהל רחל" לזכרון ועילו נשמת הרבנית הצ' רחל ע"ה בת כ"ק אדמו"ר מרן שליט"א, ולפי ראות עיניו ראינו לתקן תקנות דלהלן.**

**ב) בחרנו ועד זמני של זט"ה (ז' טובי הקהל) שעל ידם יתנהל הבית המדרש עד שנקבל אישור על תקנותינו מכ"ק אדמו"ר מרן שליט"א. הזט"ה המה מסודרים באופן זה, שני גבאים, תפקידם לנהל ולפקח על כל צרכי ביהמ"ד הן ברוחניות, הן בגשמיות כלפי פנים וכלפי חוץ.**

(דאָ ווערט ווייטער אויסגערעכענט די פונקטליכע אויפגאַבעס פון יעדן איינעם פון די חברי הנהלה. אַזוי אויך די ווייטערדיגע סעיפים ג' ד' ה' ו' ח' און י"ב זענען פאַרשידענע פרטים איבערן סדר פון אויפנעמען נייע חברים און נייע חברי הנהלה, ווי אויך איבער די פינאַנציעלע הנהגות פונעם ביהמ"ד).

**ז) לאחר קבלת האישור מכ"ק מרן אדמו"ר מרן שליט"א הצעות ותיקונים שצריכים להכניס עוד מה בהתקנות, יבחרו הקהל ועד של זט"ה בסדר הנ"ל עד כ"ט שבט תרצ"ו הבעל"ט, ובכל שנה ושנה תהי' הבחירה בכ"ט שבט על שנה אחת.**

**ט) על כל חבר לנהל אותו ואת ב"ב עפ"י רוח התורה והמסורה הק' ליילך בדרכי החסידות בפיאות הראש, ושלא ליגע כלל לגלח זקנו, ושלא לשלח בניו ובנותיו לאיזה בית ספר שהיא שלומדים בו באיזה שפה שהיא אפילו בעברית לימודי זר עממי, אך ורק בחדר שלומדים בו כמסורה לנו מאבותינו ורבותינו זי"ע. (על תקנה זו נמצאו כמה מעוררים להקל על מי שמקלקל - ובלשונם, מתקן - קצת זקנו שתהי' מרובעת או עגולה, שהגם שלא תנתן לו זכות בוחר ונבחר, שעכ"פ יהי' נמנה לחבר ביה"מ לשאר דבר שבקדושה.)**

**י) תקנה זו של סעיף ט' (סעיף הנ"ל) חל לא רק**

על חברי בהמ"ד כ"א גם איש זר המתפלל בבהמ"ד ואינו הולך בדרך זה לא ישיג עלי' לתורה והעברה לפני התיבה וכדומה, זולת בן חו"ל או אורח בתוך שלשים יום לביאתו אלינו.

י"א) בעזרת נשים משכירים מקומות ישיבה אך ורק לאשה שאינה מגדלת שער ראשה אפילו ביי-האר, ויש לה אך ורק להופיע בבהמ"ד בעציף מכופל או במעטפה (טיכעל) כפול על ראשוה, ואפילו אשה שאינה מתפללת בתמידות בבית מדרשנו, אין לה רשות להופיע באיזה הזדמנות שהוא אך ורק באופן הנ"ל. (על תקנה זו נמצאו כמה מעוררים להחמיר על תהלוכת האשה שגם בביתה ובשוק תהי' ג"כ באופן זה שהיא מותרת להופיע בבהמ"ד. תשובה ברורה באיזה דרך ישכון אור בהנוגע לסי' ט' וי"א נחכה לתשה"ר של כ"ק אדמו"ר מרן שליט"א.)

(די ווייטערדיגע סעיפים זענען פאַרשידענע תקנות וועמען און ווען צוצושיקן צום עמוד און אַנדערע כיבודים, ווי אויך איבער ווען מ'פאַרלירט די חזקה פון זיין א חבר הקהלה אויב מ'האַלט זיך נישט צו די תקנות וכו'.)

י"ז) קבלנו על עצמינו בל"נ לחלק כל הש"ס בינינו מדי שנה בשנה ולסיימו ביום כ"ט שבט, יומא דהילולא של כ"ק אדמו"ר הרה"צ מרן בעל קדושת יום טוב זצוק"ל ולישב במסיבת מרעים בסעודת מצוה עבגוצבב"א.

כ"א) כל התקנות הנ"ל קבלנו על עצמנו מרצונינו הטוב והגמור בכל תוקף עוז, ואין רשות לשנותם לשום איש או לגרועם מהם אפילו דבר קטן, אפילו עפ"י הוראת חכם גדול ורב מובהק יהי' מי שהי' אפילו רבים כנגד יחיד, לזה שומעין שאומר הלכה אחרי שע"ד, כן קבלנו עלינו כל התקנות הנ"ל להיותם כולם שרירים וקיימים לעולמי עד.

הועד זמני המה:

הגבאים: מו"ה ראובן האאז ומו"ה רפאל פריינד. הסוכן: מו"ה מאיר מנחם ווידער. המזכיר: מו"ה צבי פנחס מאשקאוויטש.

הג' טובים: מו"ה חיים שמואל זיכערמאן, מו"ה שמשון גוטפריעד, ומו"ה יחיאל קליין.

יום י"ט שבט תרצ"ה פעה"ק ירושלים תובב"א.

שמשון גוטפריעד,

חיים שמואל זיכערמאן

צבי פנחס כ"ץ מאשקאוויטש

רפאל פריינד

יחיאל קליין.

(אין אידיש: דינסטאָג י"ט שבט זענען מיר זיך צונויפגעקומען אויף אַן אסיפה כללית ביי וועלכן עס האָבן זיך באַטייליגט (דאָרט ווערט אויסגערעכנט די גאַנצע רשימה פון רבי'נס געטרייע אנ"ש וועמען מיר האָבן אויסגערעכנט פאַרגאַנגענעם חודש). ר' ראובן האאז האָט געעפענט די אסיפה, און האָט פאַרבעטן ר' מנחם מאיר ווידער איבערצוגעבן א כלליות'דיגן באַריכט איבער דעם דין ודברים וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן רבי'ן שליט"א (זי"ע) און די מתפללים פון ביהמ"ד וואָס ווערט אָנגערופן "מארמאראש". שפּעטער איז ר' צבי פּנחס מאָשקאָוויטש פאַרבעטן געוואָרן פארצולייענען דעם סדר התקנות, און מ'האָט געבעטן אַז ווער עס האָט סיי וואָס צוצולייגן אָדער מעורר צו זיין האָט רשות דאָס צו טון. מ'האָט דערנאָך באַשלאָסן די תקנות ווי ווייטער ערוועגט.

א. מייסד צו זיין א ביהמ"ד, א מקום מקדש מעט לתורה ותפלה אויפ'ן אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג און אויף די דרכי החסידות, לויט די הנהגות פון אבותינו ורבותינו צדיקים וקדושים נוחי נפש, כדי איינצופלאַנצן אין אונזערע הערצער און אין די הערצער פון אונזערע קינדער און שטיבער, יראת און אהבת ה', להגדיל תורה ולהאדירה, אַראָפּצושטעלן פעסטע גדרים קעגן יעדע מינדעסטע ריר פון התחדשות, און אַלעס אַלעס זאָל זיך פירן דורך כ"ק אדמו"ר מרן רבי יואל טייטלבוים שליט"א (זי"ע) אבד"ק סאַטמאַר יצ"ו, דורך אים וועט אַלעס געפירט ווערט, און יעדע טריט אונזערע וועט זיין געוואָנדן לויט ווי ער וועט עס באַפעלן, וואָס ער וועט אונז נאָר הייסן וועלן מיר טון, ולאורו נסע ונלך. ס'איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו רופן דעם ביהמ"ד "אוהל רחל" לזכרון ועילוי נשמת זיין הרבנית הצ' רחל ע"ה די טאָכטער פון רבי'ן.

לויט'ן רבי'נס פאַרשטאַנד האָבן מיר איינגעזען מתקן צו זיין די פאָלגענדע תקנות.

## זכר חסידים לברכה

פאַרגאַנגענעם גליון האָבן מיר פאַרענדיגט מיט'ן אַראָפּברענגען א רשימה פון אידן בני עלי' ואנ"ש וועלכע האָבן אויסגעפירט רצון קדשו פון רבי'ן זי"ע ביים מייסד זיין דעם רבי'נס ערשטער אייגענער ווינקל אין ירושלים עיה"ק דאָס ביהמ"ד אויף וועלכן דער רבי זי"ע האָט קורא שם געווען מיט'ן נאָמען "אוהל רחל" ע"ש בתו הרבנית הצדיקת רחל ע"ה.

אַצינד וועלן מיר ברענגן געציילטע אנעאקדאקטן איבער די חשוב'ע בני עלי'.

הרה"ח ר' רפאל פריינד ז"ל:

ר' רפאל ז"ל איז געווען א ברודער פון הרה"ק רבי אברהם יהושע זצ"ל דער נאסאדער רב, ביידע זין פון החסיד המפורסם רבי משה ארי' פריינד זצ"ל ראה"ק אין סיגוט. ר' רפאל איז געבוירן בשנת תר"כ און איז בימי בחרותו געווען א תלמיד פונעם מרא דאתרא הגה"ק בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע. ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט זיין חשוב'ע פרוי ע"ה די טאָכטער פון הרה"ח ר' אלחנן חיים הכהן פרייס ז"ל ראה"ק אין אוהעל.

(ר' אלחנן חיים פרייס האָט אָרגינעל געשטאַמט פון דייטשלאַנד, און איז שפּעטער געקומען קיין אונגאַרן וואו ער האָט זיך באַזעצט אין אוהעל. ער איז דאָרט נתקרב געוואָרן צו חסידים, און האָט אויפגעשטעלט א שיין חסיד'יש דור. צווישן זיינע איידימער איז געווען הגאון הצדיק רבי ארי' לייבוש טייטלבוים זצ"ל [בן הגה"ק רבי שמואל מגאָרליץ זצ"ל, בן הגה"ק רבי אלעזר ניסן מדראהביטש זצ"ל בן הגה"ק בעל ישמח משה מאוהעל זצ"ל]. רבי ארי' לייבוש איז געווען דער פאָטער פון החסיד המרומם ר' אהרן טייטלבוים זכרונו לברכה וועמען דער רבי זי"ע האָט ממנה געווען אַלס חבר הנהלת מוסדותינו, און אויך די אַנדערע קינדער פון רבי ארי' לייבוש זענען געווען באַרימטער חסידים ואנשי מעשה.)

זייענדיג א תלמיד מובהק פונעם ייטב לב זי"ע האָט ער געהאַט די זכי' אָפּצושרייבן פילע ענינים, דברי תורה ושיחות קודש פון זיין הייליגן רבי'ן. ביי א געלעגנהייט ווען הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע האט געזען ר' רפאל'ן גיין מיט צופלויגענע פיאות, האט אים דער ייטב לב אויסגע'מוסר'ט דערויף זאגענדיג "דיין טאטע איז אויך א חסידישער איד, און ער גייט קיינמאל נישט אזוי צופלויגן, דארפסט אויך נישט גיין אזוי".

(אגב, האָבן מיר אַמאָל געהערט פון א איד וואס האט דאס געהערט פון הרב החסיד ר' ישראל אשר קאלער ז"ל פון די זקני חשובי תושבי קרית יואל, אז ער האט אליינס געזען דעם שולחן ערוך פון הגה"ק בעל קדושת יום טוב מסיגוט זי"ע, און דארט וואו עס ווערט געברענגט די הלכה פון "התנאה לפניו במצוות, אתרוג נאה, ציצית נאה וכו'" האט דער קדושת יום טוב זי"ע צוגעשריבן אן הג"ה בכתי"ק "פאות נאה" אז אויך די פאות דארפן זיין שיין געמאכט לכבוד המצוה.)

אלס זון פונעם סיגוטער ראה"ק החסיד ר' משה ארי' זצ"ל איז זיין זון ר' רפאל ז"ל אויך געווען א מקורב ביים ייטב לב זי"ע. ער פלעגט דערציילן אז צו זיין פאטער רבי משה ארי' פלעגן צומאל אנקומען פארשידענע הזכרות וואס אידן האבן אים געשיקט אז ער זאל דאס מזכיר זיין ביים ייטב לב זי"ע, און ר' רפאל איז אפטמאל געווען דער שליח אריבערצוטראגן די הזכרות צום ייטב לב זי"ע וואס אזוי איז ער געווען דער שליח נענטער צו ברענגן די ישועה פאר פילע אידן.

נאָכן הסתלקות פונעם יטב לב זי"ע איז ר' רפאל ז"ל ווייטער געווען מקושר צו הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע. נאָכדעם וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין ערשטע פרוי, איז דער קדושת יום טוב זי"ע געווען דער שדכן מיט זיין זוו"ש. לאחר פּטירתו פונעם קדושת יום טוב זי"ע איז ר' רפאל ז"ל געווען מקושר צו בניו מרנן הגה"ק בעל עצי חיים מסיגוט זי"ע און רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, און ער האָט איין יאָר געהאַט די זכי' צו זיין ביים סדר פון רבי'ן זי"ע נאָך אין קראָלי.

אין קומענדיגן גליון וועלן מיר אי"ה ברענגן נאָך גאָר אינטרעסאנטע ענינים פון ר' רפאל ז"ל.

## בטוב ירושלים

נייעס און אנטוויקלונגען פון אונזער ירושלים'ער מוסדות

### אַמעריקאַנער הנהלה באַזוכט אין די מוסדות

א שיינע דעלעגאַציע פון געטרייע חברי הנהלה און עסקני מוסדותינו הק' פון ניו יאָרק האָבן מיט עטליכע וואָכן צוריק געשעפט הויפעֿנס מיט נחת פון זייערע איבערמידליכע פעולות לטובת המוסדות, אויסנוצענדיג די געלעגענהייט פון זייער באַזוך אין ארץ ישראל, אפצושטאטן א באַזוך אין די הייליגע ירושלים'ער מוסדות. די חשוב'ע געסט זענען אויפגענומען געוואָרן דורך די געטרייע ירושלים'ער חברי הנהלה, און זענען צוזאַמען אַרומגעגאנגען אין אַלע כתות שעפענדיג נחת פון דעם כסדר'דיגן בליה און וואוקס. באַזונדער זענען די חברי הנהלה באַגייסטערט געוואָרן צו הערן ווי די תשב"ר זאָגן מיט גרויס התעוררות די הייליגע תפלה פאַר די נדיבים בעם וואָס זענען אָנגעשלאָסן אינעם באַרימטן "מפעל החזקת מלמד".

שפעטער איז אין עסזאל פון די תלמוד תורה אָפגעהאַלטן געוואָרן א שיינעם מסיבת קבלת פנים, ביי וועלכן דער חשוב'ער מלמד מומחה הר"ר משה מענדל הערשקאוויטש שליט"א האָט באַגריסט די חשוב'ע געסט, און שפעטער זענען פאָרגעקומען דריגענדע אסיפות צווישן די חברי הנהלות פון ניו יאָרק און ירושלים, ביי וועלכן מ'האָט אויסגעשמועסט פאַרשידענע וויכטיגע ענינים איבער די ווייטערדיגע הצלחה פון די מוסדות.

### ישיבה קטנה פאַרהערט זיך מסכת פסחים

די בחורי חמד תלמידי ישיבה קטנה האָבן זיך געשטעלט צום פאַרהער אויף א שיינעם חלק פון מסכת פסחים, די צענדליגער בלעטער וואָס מ'האָט שוין דורכגעלערנט בעיון רב דורכאויס די פאַרגאַנגענע חדשים. די בחורים זענען פאַרהערט געוואָרן דורך הגאון המפורסם רבי מאיר לוריא שליט"א ראה"כ חלקת יעקב אין ני ברק, וועלכער איז אַרויס פון התפעלות פון דעם טיפן בקיאות, און בעיקר, עיון רב וואָס די תלמידי הישיבה האָבן אַרויסגעצייגט. דער ראה"כ שליט"א האָט זיך אויסגעדרוקט אַז עס קומט אים אָפט אויס צו פאַרהערן אין באַרימטע מקומות התורה וואָס זענען באַקאַנט אַלס "לומד'ישע ישיבות" און הערענדיג די חריפות'דיגע תשובות פון די בחורים, זעט ער נישט מיט וואָס די סאַטמאַרער ישיבה קטנה איז אונטערשטעלונג... נאָכ'ן פאַרהער איז אָפגעהאַלטן געוואָרן א שיינער מעמד חלוקת פרסים לאות הוקרה פאַר די חשוב'ע בחורים.

### מאָנסיער רב שליט"א באַזוכט

מיט עטליכע וואָכן צוריק איז הגה"צ רב דקהלתינו הק' שליט"א פון מאָנסי אָנגעקומען אויף א בליץ באַזוך קיין ירושלים, צוליב השגחה אויף "בתים" און טראָץ די אָנגעשטרענגטע צייט האָט דער רב שליט"א פאָרט נישט געוואָלט פאַרפאַסן א באַזוך אין די מוסדות פון וואָס ער איז קענטליך שטאַרק נתפעל געוואָרן. דערביי האָט דער רב שליט"א אויפגעטרעטן מיט א שיינע דרשה פאַר די ישיבה קטנה בחורים, זיי מעודד צו זיין אָנצוהאַלטן בהתמדת התורה ביים חזר'ן מסכת פסחים.

### נייע ועד החינוך אויפגענומען

צוליב דעם בליה און וואוקס פון די הייליגע מוסדות, האָבן די חברי הנהלת מוסדותינו אויפגענומען די חשוב'ע קבוצה פון תלמידי חכמים מופלגים אַלס "חברי ועד החינוך" פון די מוסדות, ה"ה: הרה"ג רבי יחזקאל שרגא בראַך שליט"א מגי"ש בקהלתינו הק', הרה"ג רבי שמואל עקשטיין שליט"א נו"נ בכולל למצוינים און הרב יואל מענדלאוויטש שליט"א וועלכע אַרבעטן געטריי שלא ע"מ לקבל פרס צו באַגלייטן די סדרי החינוך והלימודים פון די תלמוד תורה, וחפץ ה' בידם הצליח, האָבן זיי שוין אין ערשטן חודש ב"ה באַוויזן אויפצוטון גדולות ונצורות.

כה לחי.

## המשך ראשית ממלכתו

ה

נאָכן אויסרעכענען פאַרשידענע טעכנישע פרטים איבער אויפנאַמע פון גבאים און חברי הנהלה, שטייט דאָרט ווייטער ווי פאָלגענד:

ט. אויף יעדן חבר פון ביהמ"ד ליגט דער פליכט זיך אַליינס צו פירן, און צו פירן זיין שטוב עפ"י רוח התורה והמסורה, צו גיין לויט די דרכי החסידות, מיט פיאות, זיך בכלל נישט צו שערן דעם באָרד, נישט צו שיקן די קינדער אין קיין שולע וואו מען לערנט פרעמדע וועלטליכע לימודים, אויף סיי וועלכע אַנדערע שפּראַך עס זאָל נישט זיין, אפילו אויף אידיש. (מ'קען שיקן די קינדער נאָר) אין א חדר וואו מען לערנט כפי דרך המסורה לנו מאבותינו ורבותינו. (אויף די תקנה זענען געווען עטליכע וואָס האָבן פאַרלאַנגט אַז ווען איינער איז נאָר אַביסל מקלקל (ובלשונם: "מתקן"... [ער פוצט זיך צו]) דעם באָרד, זאָל מעגן זיין ווערן אויפגענומען אַלס חבר הקהלה, אָבער אָן קיין רעכטן פון וועלן אָדער ווערן אויסגעוועלט פאַר סיי וועלכע קהל'ישע אַמט.)

י. די דערמאַנטע תקנה איז אויך חל אויף סיי ווער עס דאַווענט אין ביהמ"ד, אפילו א פרמדער מענטש וואָס איז נישט קיין חבר הקהלה, אויב פירט ער זיך נישט לויט די דערמאַנטע דרכים, קען ער נישט עולה זיין און נישט דאַווענען פאַר'ן עמוד, חוץ א בן חו"ל אָדער א גאַסט, אין די ערשטע דרייסיג טעג פון זיין אָנקומען.

י"א. אין ווייבער-שול פארדינגט מען פלעצער נאָר פאַר א פרוי וואָס לאָזט זיך נישט וואַקסן אפילו נאָר ביי-האר. יעדע פרוי מוז קומען אין ביהמ"ד אָנגעטון נאָר מיט א טאָפּעלטע טיכל אויפ'ן קאָפּ, און אפילו די וואָס דאַווענען נישט בקביעות אין דעם ביהמ"ד, קענען נישט אַריינקומען נאָר לויט ווי דערמאַנט פריער. (אויף די תקנה איז געווען עטליכע וואָס האָבן געהאַלטן אַז מען דאַרף נאָך נאָך מער מחמיר זיין, אַז אויך אינדערהיים און אויף די גאַס זאָל מען נישט טאָרן גיין נאָר לויט ווי דערמאַנט פריער. א קלאָרע אָפּשטימונג ווי אַזוי זיך צו פירן ביי סעיף ט' און סעיף י"א וועט מען וואַרטן אויף די תשובה פון רבי'ן שליט"א (זי"ע).

י"ז. מ'האָט מקבל געווען אויף זיך איינצוטיילן גאַנץ ש"ס און עס מסיים זיין יעדעס יאָר אויף כ"ט שבט די הילולא פונעם קדושת ים טוב זי"ע, און ביים סיום צו מאַכן א סעודת מרעים וסעודת מצוה.

כ"א. די אַלע תקנות האָבן מיר מקבל געווען אויף זיך פון אייגענעם גוטן ווילן, און קיינער קען דאָס נישט פארענדערן אָדער אַראָפּצונעמען דערפון אפילו א קלייניקייט, און אפילו דורך א די הוראה פון א גרויסן רב און גאון, זאָל עס זאָל ווער עס איז. מ'קען דאָס נישט משנה זיין אפילו ווען עס איז א יחיד קעגן א יחיד (דער ציבור וויל משנה זיין, אָבער א יחיד איז נישט מסכים דערצו) וכו'.

## המשך רבי מאיר בעל הנס

ג

זאל אויפהערן מיט די מחלוקת. ער שרייבט דארט: "את שלום אחי אנכי מבקש... אם חטאתי נגד כבוד ד' ונגד כבודם כבוד מלכים, אשור על האנשים ואומר: חטאתי וישר העויתי ולא שווה לי, ואחלה את פניהם עד בוש... וכמו כן יעשו גם הם שלא להיות ח"ו אכזרים לעבור על המידה". און צו די מנהיגים פון די מתנגדים ווענדט ער זיך מיט די ווערטער: " ועתה אליכם אישים המצווה הזאת להיות בברית אתנו החיים והשלום. ואחרי אשר יהיו מאשרי העם הזה מתמים, בודאי אחריהם ילכו כל ישרי לב... הלא אב אחד לכולנו, אל אחד בראנו, ומדוע נבגוד איש באחיו לחלל ברית אבותינו... אל נא אחי תרעו. הנה עד היום ד' ביניכם ובינינו אשר בגדתם בנו וכי אנו אנשי בריתכם... ובכל זאת שכחנו כל אלה, ומצדנו לא יבצר ח"ו, והננו מוחלים כולם במחילה גמורה שרירה וברה לכל מי שהקניט איש אישו בין בגוף ובין בממון, ואין אנו מבקשים רק שלום כולנו פה אחד... ומעתה, אלופינו אדונינו, אחינו בשרינו, מה שעבר אין והיה כלא היה, אבל אנו מתפללין על העתיד... ולא יחלקו עוד ולא יחצו.

רבי מענדעלע האט געלעבט אין ארץ ישראל צען יאר, און איז נסתלק געווארן ב' דר"ח אייר תקמ"ח, אין טבריה, ושם מנוחתו כבוד.

נאך אים האט געפירט די עדה הקדושה, זיין חבר הרה"ק מקאליסק זי"ע, וועלכער האט געלעבט אין ארץ ישראל גאנצע דריי און דרייסיג יאר, און איז נפטר געווארן אין טבריה, ה' שבט תק"ע. ושם מנחתו כבוד.

## ומציון יסעדך

נייעסן און אנטוויקלונגען פון אונזערע בני ברק'ער מוסדות

### בית התבשיל קאַמפּיין מאַכט ב"ה גרויס פאָרשריט

א "קליינער" באַריכט מיט בלויז עטליכע קורצע באַשיידענע שורות אינעם דאָזיגן גליון "בקודש חזיתיך" האָט אויפגעטון "גרויסע" זאַכן... אינעם פריערדיגן בקודש אויסגאַבע איז ערשינען די בקשה נחוצה מטעם הנהלת מוסדותינו הק' פון בני ברק, אין וועלכע עס איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז צוליב דעם שווערן מצב אין וועלכן די בני ברק'ער מוסדות געפונען זיך ליידער שוין א לענגערע צייט, ווערט אַצינד אונטערגענומען א גרעסערער פּראָיעקט, אויפצובויען א שפּאָגל נייעם "קאמערשל קיך" וווּלכע וועט פאַרדינגען ווערן פאַר א גרויסע קעטערינג פירמע, און די מוסדות וועלן אי"ה כסדר געניסן פון די רוחים וואָס דער פּראָיעקט ו ועט ברענגן.

די הנהלת המוסדות האָט אין ראַם פון די בקשה געגעבן די מעגליכקייט פאַר נגידים בעם צו ווערן שותפים אין דעם פּראָיעקט, דורכ'ן איינקויפן א "קרן" פאַר'ן סכום פון בלויז $10,000. אָט די קליינע באַשיידענע מודעה האָט פיל אויפגעטון, און א באַדייטענדער צאָל נדיבי לב האָבן זיך געוואָנדן אנצוטראגן זייער זכות שותפות, אָפּצוקויפן א "קרן" אין דעם נייעם פּראָיעקט, וואָס די זכותים דערפון וועלן אי"ה באַגלייטן דעם נדבן אויף לעד ולנצח נצחים עד ביאת הגואל.

די הנהלה האָפט גאַנץ קורצליך זיך צו נעמען אויפצושטעלן דעם פּראָיעקט, און עס זענען נאָך פאַרבליבן געציילטע מעגליכקייטן זיך איינצוקויפן א זכות נצחי אין דעם נייעם אונטערנעמונג, וכל הקודם זכה. איינצוקויפן א "קרן" קען מען זיך ווענדן צו ר' בנציון אברהם כהן הי"ו אויף

(845) 325-5129

### שעות רצופות בליל שבועות רופט אַרויס וואונדער

אידן וועלכע זענען פאַרגאַנגענעם ליל חג השבועות אַריינגעקומען בהיכל בית מדרשינו זענען אַרויס פון התפּעלות מיטהאַלטעדיג דעם התמדת התורה און ערענסטקייט פון די תלמידי מוסדותינו הק', וואָס רובם ככולם האָבן במשך דריי שעה רצופות עוסק געווען בתורה ובתפלה מיט א געוואַלדיגן ערענסטקייט מאַכענדיג די ריכטיגע הכנה צום גרויסן מאָרגענדיגן טאָג, יום קבלת התורה.

שוין אין די טעג פאַר'ן יום טוב שבועות האָבן אַלע כתות אין די תלמוד תורה, פון כתה ו' און העכער, געלערנט שעות רצופות, יעדע כתה לויט זייער עלטער, צו מאַכן די הכנה לקבלת התורה מתוך דברי תורה. ערב שבועות האָבן די קינדער אַהיימגעברענגט א צעטל אין וועלכן די עלטערן האָבן געקענט באַשטעטיגן נאָך יום טוב, אויב די קינדער האָבן זיך געהאַלטן צו דריי קבלות טובות, א') עוסק זיין דריי שעה רצופות שבועות ביינאַכט, ב) זאָגן שבועות אויפדערנאַכט ביי מעריב די ברכה פון "אהבת עולם" בכוונה יתירה, און ג) זאָגן שבועות אינדערפרי "ברכת התורה" און באַזונדער "אהבה רבה" מיט התעוררות וכוונה. רובם ככולם פון די תלמידים האָבן צוריקגעברענגט דעם צעטל, ווען זייערע עלטערן קענען נישט גענוג דאַנקן די שווערע כוחות וואָס די מחנכים לייגן אַריין.

א מספּר ניכר פון די תלמידים האָבן שבועות ביינאַכט מיטגעהאַלטן דאָס "תהלים זאָגן" אָנגעפירט כמדי שנה בשנה דורך הרה"ח ר' יצחק אייזיק ווייס הי"ו, א "תהלים" וואָס דונערט אָפּ, ווי שוין באַקאַנט ביים בני ברק'ער ציבור, און אין די נאָכפאָלגענדע צוויי שעה האָבן זיי געלערנט, געזאָגט תיקון חצות וכדומה, אַלעס מיט א געוואַלדיגן ערענסטקייט, אויף וועלכן עס האָט זיך דערקענט די כוחות עצומות וואָס מ'לייגט אַריין אין די תלמידים ביני עמודי דגירסא אין תלמוד תורה.

## עמוד התווך

פעולות און אקטיוויטעטן אין אויסלאנד למען קיום המוסדות

### הצלחה'דיגע חינוך הטהור אַקציע אין קרית יואל

מיט גרויס הצלחה איז אין קרית יואל דורכגעפירט געוואָרן דער שפּאָרזאַמער מגבית "חינוך הטהור" וואָס איז דאָס יאָר געווען אויסגעשפּרייט אויף א משך פון עטליכע וואָכן נאָכאַנאַנד, אָנגעהויבן פון א' פּרשת פּנחס אין ביהמ"ד הגדול דקרית יואל, און די נאָכפאָלגענדע זונטאגס און וואָכן אין די אַנדערע גרעסערע בתי מדרשים אין די שטאָט. אין בעפאָרגרייטונג צום מגבית איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קרית יואל דער "עצרת רבתי" ביי וועלכן מ'האָט געהערט די פייערדיגע דרשות פון הרה"ג רבי עמרם כהן שליט"א און פון הרה"ג רבי יקותיאל יצחק בראַך שליט"א מנהל הת"ת בב"ב, וועלכער האט במשך דעם גאַנצן מגבית שטאַרק מעורר געווען דעם ציבור בדברים היוצאים מן הלב, איבער דאָס אייגענאַרטיגקייט פון אונזערע מוסדות, און ווי שטאַרק די מוסדות מוטשען זיך ליידער. דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב, און פילצאָליגע תושבי העיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם מפעל החזקת מלמד, לשבוע אדער לחודש, און אויפ'ן אָרט האָבן פילצאָליגע אנ"ש איבערגעגעבן גרויסע סכומים געלט להחזקת המוסדות.

### צענטראַלער אָפיס אין קרית יואל פילפאַכיג פאַרברייטערט

די כסדר'דיגע פרישע אַקטיוויטעטן אויפצוטרייבן געלטער ביים היימישן ציבור, האָט געברענגט דערצו אַז דער ביז-איצטיגער אָפיס איז שוין לאַנג אויסגעוואַקסן דעם געברויך, און מיט עטליכע וואָכן צוריק האָט מען זיך בשטומ"ץ אַריבערגעצויגן אין א נייעם פילפאַכיג-פאַרברייטערן אָפיס אויף די סאַטמאַר דר. גאַס ביים ווינקל פון עקערס רד. וואו די פעולות גייען ב"ה ווייטער אן ביתר שאת ועוז, מיט א געוואַלדיגן הרחבת הדעת און מנוחת הנפש. דער נומער איז געבליבן דאָס זעלבע, און מ'קען כסדר רופן אויפ'ן נומער ??? איבערצוגעבן נדבות אָדער הזכרות, אָפּצונעמען פּושקעס וכדומה. 877-yetev lev, 877-438-3853

### הערליכע שבע ברכות פאַררופען דורך מרן רבינו שליט"א

ווי ביי יעדע שמחה בחצר קדשו, האָט כ"ק מרן רבינו שליט"א פאַררופען פאַרגאַנגענעם זונטאָג פּרשת מטות א פּריוואַטע "שבע ברכות" לרגל שמחת נישואי הגה"צ ראש ישיבתינו הק' שליט"א בב"ב עב"ג הכלה בת אחיו הגה"צ מו"ץ קהלתינו הק' שליט"א בב"פ, צו וועלכע דער רבי שליט"א האָט אויסגעקליבן צו לאַדענען ספּעציעל די חשוב'ע נגידים בעם, תומכי ומחזיקי מוסדותינו הק' "יטב לב בארה"ק, מיט גרעסערע סכומים. דער קרן ויואל משה זאל וואו די שבע ברכות איז געפּראַוועט געוואָרן איז געווען ספּעציעל עלעגאַנט אויסגעשטעלט, און עס איז געווען א מחזה הוד צו זען אַזויפיל נגידים און פילאַנטראָפּן פאַרזאַמעלט תחת קורת גג אחד. במשך די גאַנצע מסיבה האָבן די בעלי מנגנים פון די "סאַטמאַרער קאַפּעליע" מהנה געווען מיט שיינע ניגונים. געעפענט די מסיבה האָט הר"ר יקותיאל יצחק בראַך שליט"א. דער "נואם הכבוד" איז געווען הגה"צ רבי נחום מאיר פאַנעט שליט"א אבד"ק זכרון משה דעעש. א שיינע דרשה האָט מען געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א אויף וועמענס ווערטער רבינו שליט"א האָט מוסיף געווען מיט א סיפור נחמד, און שפּעטער האָט רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש מיט גרויס התרגשות, אַרויסברענגענדיג די גרויסע זכי' פון די נגידים, צו שטיצן מוסדות יטב לב וואָס איז די ערשטע און הייליגסטע צדקה ביי אנ"ש.

### נייער ועד הנהלה אין אַנטווערפּן; ערשטער דינער מיט הצלחה

ביים געהויבענעם באַזוך וואָס כבוד הגה"צ רב דקהלתינו הק' בוויליאַמסבורג שליט"א האָט אָפּגעשטאַט גלייך נאָך פּסח אין אַנטווערפּן, זענען נתמנה געוואָרן א חשוב'ער ועד פון געטרייע עסקנים וועלכע דינען אַלס "חברי ועד הנהלה" פון אונזערע הייליגע מוסדות יטב לב, ה"ה: הרה"ח ר' ליפּא בערקאוויטש הי"ו ראה"ק דקהלתינו הק', הרבני הנגיד ר' מאיר חיים קרויס הי"ו מראה"ק הרה"ח ר' הערשל ווייס הי"ו מראה"ק בן הרה"ח המפו' ר' משה חיים הי"ו מנהל מוסדותינו בב"ב, הר"ר יעקב שרייבער שליט"א מרביץ תורה בקהלתינו הק', און האברך החשוב ר' ישעי' יעקב דאַסקאַל הי"ו מחשובי יוצאי מוסדותינו ב"ב. אתם עמם איז אויפגענומען געוואָרן העסקן הנמרץ מוה"ר אהרן משה רייגער הי"ו אַלס פּושקע גבאי פון די מוסדות. ביים אויפנעמען די חברי הנהלה האָט דער רב שליט"א משמיע געווען דברי חיזוק, איבערגעבענדיג וואַרימע דברי ברכה בשם אביו מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

אומר ועושה האָבן די געטרייע חברי הנהלה גלייך אָנגעהויבן מיט די אַקטיווע פּעולות, און דינסטאָג פּרשת שלח איז שוין אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער מעמד "חינוך הטהור" לטובת מוסדותינו ביי וועלכן עס האָט זיך באַטייליגט א שיינער ציבור, ובראשם כבוד הגה"צ ראש ישיבתינו הק' שליט"א פון בני ברק, וועלכער איז ספּעציעל געקומען צו פאָרן צו באַשיינען דעם מעמד אין באַגלייטונג פון הרה"ח ר' משה חיים ווייס הי"ו מנהל המוסדות. דערביי האָט מען געהערט פאַסיגע דיבורים פון די חשוב'ע געסט, ווי אויך פון הגה"צ רבי אהרן שיף שליט"א גאב"ד אַנטווערפּן. דער יו"ר המעמד איז געווען הר"ר יעקב שרייבער שליט"א. פילצאָליגע אנ"ש אין אַנטווערפּן האָבן צום ערשטן מאָל זיך אָנגעשלאָסן אינעם באַרימטער מפעל "החזקת מלמד" און אויפ'ן אָרט ביים מעמד איז געשאַפן געוואָרן גרויסע סכומים, דורך וועלכע מ'וועט האָבן די מעגליכקייט צו שיקן דורכאויס די קומענדיגע חדשים די רעגלמעסיגע תמיכות וואָס די אָרטיגע הנהלה האָט זיך אונטערגענומען.

# בדידי הוה עובדא

בריוו פון ליינער

## לשאלת הרבים

ווי די חשוב'ע ליינער זענען געוויס, האָט דער אויסזען פון דעם דאָזיגן קאָלום זיך נאָכנישט צופיל געביטן זינט מיר האָבן אָנגעהויבן צו ערשיינען מיט 20 חדשים צוריק... יעדן חודש ערשיינען בלויז צוויי, העכסטענס דריי בריוולעך, עובדות וואָס אידן האָבן צו דערציילן איבער ווי ווירקזאַם עס איז ביי זיי געווען די סגולה פון "מוסדות יטב לב". און דייקא נישט ווייל עס איז נישט דאָ מער. דער פלייץ פון בריוון און בדידי'ס וואָס קומט אַריין צו אונז איז פיל מער וויפיל מיר האָבן די מעגליכקייט צו דרוקן אין דעם גליון בכלל, און אין דער עפענטליכקייט בפרט.

עס פאַרשטייט יעדער איינער, אַז נישט יעדע מעשה וואָס פּאַסירט און ווערט דערציילט קען געדרוקט ווערן אין א גליון וואָס ערשיינט ברבים, און עס אויך פאַרשטענדליך, אַז ביים צושטעלן א לייענבארער גליון, דאַרף מען לייגן געוויכט אַז עס זאל זיין אינטערעסאַנט און צוציענד פאַר'ן ליינער.

צוליב דעם גרויסן פלייץ פון מעשיות וואָס מיר ערהאַלטן כסדר, געבן מיר דעריבער בעפאָרצוגן בעיקר פאר אַזעלכע מעשיות וואָס קוקט אויס אַז עס וועט ציען א ספּעציעלע אינטערעסע ביי די ליינער. אויסער דעם בעפאָרצוגן מיר - כמובן - אַזעלכע בריוון וואָס קענען ערשיינען מיט א פולן נאָמען פונעם בעל המכתב, וואָס איז פיל מער אויטיענטיש ווי בלויזע ר"ת אָדער בריוו וואָס ערשיינט גענצליך אַנאָנים.

(אגב, איז שטאַרק ראַטזאַם אַז ווען מען שיקט אונז אַריין א בריוו, זאל מען שרייבן דערויף א נאָמען און טעלפאָן נומער מיט וועמען זיך צו קענען פאַרבינדן, כדי צו קענען נאָכגיין פּרטים פון די מעשה וואָס מען שרייבט צומאָל נישט קלאָר. אויפן פאַרלאַנג פון די שרייבער, פארעפנטפערטליכן מיר נישט דעם פולן נאָמען, אָבער בריוו וואָס מיר ערהאַלטן מיט א נאָמען ווערט בעפורצוגט פון אַנאָנימע בריוון.)

פון די אַנדערע זייט קוקן מיר שטאַרק אַרויס צו ערהאלטן וואָס מער בריוון פון אנ"ש מיט ישועות וואָס מען איז תולה בזכות החזקת מוסדותינו הק'. אפילו קלייניגקייטן וואָס קענען צומאָל אויסזען נישט-צו-אינטערעסאַנט, קען אָבער פּאָרט זיין העכסט אינטערעסאַנט פאר די ליינער, און אָפּגעזען צו עס ווערט יאָ צו נישט געדרוקט אין דעם גליון, געט יעדע מינדעסטע סיפּור הויפענס מיט חיזוק פאר די עסקנים, און יעדע בריוועלע אָדער סיפּור וואָס מיר ערהאַלטן טוט אויף א געוואַלד.

## לכבוד ידידינו היקרים עסקני מוסדות יטב לב בארה"ק

ווי אַסאַך אַנדערע וואָס זענען אַריין אין ביזנעס בשותפות מיט אַן אַנדערן, האָב איך אויך געטראַכט אַז עס וועט מיר געלונגען... דער מענטש טראַכט און דער פון אויבן לאַכט, און אַזוי האָט זיך געמאַכט אַז אין א שיינעם טאָג האָב איך מיך דערזען זיצן פּנים אל פּנים פון מיין געוועזענעם שותף... און מיר האָבן זיך געדאַרפט טיילן.

אויפ'ן געלט חלק האָט מיין ביז-דעמאלסדיגער שותף פאַרוואַלטעט, און ביים טיילן זיך איז אויסגעקומען אַז איך האָב געדאַרפט באַקומען $5,000. קיין געלט איז דאָך זיכער נישט געווען, איז עס פאַרבליבן א חוב אויף דערווייל, ביז דער שותף וועט דאָס שאַפן און מיר אָפּגעבן. ס'איז דורך א וואָך נאָך א וואָך און א חודש נאָך א חודש, אָבער דאָס געלט האָב איך נישט צוריקבאַקומען. אין אָנהייב האָב איך נאָך כסדר גערופן, אָבער זעענדיג אַז עס ווערט גאָרנישט דערפון בין איך שוין כמעט מיד געוואָרן צו רופן, און דער חוב איז געבליבן א חוב.

פאַרגאַנגענעם פּרשת שמות ?? איז דאָהי אין באָראָ פּאַרק דורכגעפירט געוואָרן דער גרויסער "חינוך הטהור אַקציע" און הערענדיג איבער די גרויסע סגולה פון זיין אָנגעשלאָסן אין "החזקת מלמד" האָב איך מיך אָנגעשלאָסן דערין. כ'האָב דאַן איבערגעגעבן איינגאבע, די סומע פון $100 מיט א צוזאָג אַז ווי נאָר מיין געוועזענער שותף וועט מיר אָפּגעבן די פינף טויזנט דאָלאַר וואָס ער איז ער איז מיר נאָך שולדיג, וועל איך אַראָפּגעבן דעם מעשר דערפון, נאָך $500 משלים צו זיין דעם גאַנצן החזקת מלמד.

אינדערצווישן איז - ווי דערמאַנט - דורך א וואָך נאָך א וואָך, און דער חוב איז כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן פון מיר. אין א שיינעם טאָג, געווען איז עס אָנהייב פּרשת חקת, באַקום איך א טעלפאָן קאָל נישט פון קיין אַנדערן, נאָר פון מיין געוועזענעם שותף זעלבסט, וועלכער רופט מיך אן, און בעט איך זאָל אַריבערקומען צו אים, ער האָט פאַר מיר דעם גאַנצן סכום פון פינף אלפים גרייט.

עס וואָלט מיר אפשר געווען א וואונדער, פאַקטיש אָבער האָב איך עס גוט פאַרשטאַנען! נאָכדעם וואָס עטליכע טעג פריער האָב איך געהאַט באַקומען א בריוול פון מוסדות יטב לב, אַז אויף "פּרשת חוקת" איז באַשטימט מיין "החזקת מלמד וואָך". צולאַנג האָב איך נישט געדאַרפט וואַרטן. ווי נאָר די קינדער האָבן אָנגעהויבן זאָגן די תפלה, און ווי נאָר איך בין געווען באַגלייט מיט די סגולה פון "אלקא דמאיר ענני" האָב איך שוין תיכף געזען מיין ישועה, און כ'האָב גלייך געקענט אויסצאָלן דעם גאנצען בעטראג וואָס איז פאַרבליבן!

ישר כח גדול ותזכו למצוות.

ידידכם י. ל., פּה באָראָ פּאַרק

## מהררי ציון וירושלים תשאו ברכה מאת ה' כבוד חברי הנהלת מוסדותינו שם בארה"ב.

שבחים אינדערזייט און לאָמיר צוגיין גלייך צום פּינטל... געווען עס איז אָנהייב פון איצטיגן זמן הלימודים, קיץ תשע"א לפ"ק. כ'האָב שטאַרק אַרויסגעקוקט צו שיקן מיין טייערן זון נ"י צו לערנען אין די גרויסע ישיבה אין קרית יואל בצל מרן רבינו הגה"ק שליט"א. אַלעס איז שוין געווען מסודר, די טיקעטס איינגעקויפט, גמרא און שולחן ערוך איינגעקויפט, די פּעקלעך געפּאַקט, אַלעס אַלעס מסודר, אָבער... "ויבא גם השטן בתוכם" ממש עטליכע טעג פאַר'ן פאָרן האָט מיין זון נ"י באַקומען א איינרופס-צעטל אַז ער דאַרף זיך שטעלן צום מיליטער.

ווי פאַרשטענדליך איז קיין רעדע נישט געווען פון אַרויספאָרן איידער ער שטעלט זיך צום מיליטער. ווער עס קען דעם סדר אין ארץ ישראל ווייסט אַז אַזאַ זאַך פאַרציט זיך געווענליך אויף עטליכע חדשים. ווילאַנג מ'שטעלט זיך פאַר זיי, און ווילאַנג מ'גייט דורך דעם גאַנצן סיסטעם ביז מען באַקומט דעם ענדגילטיגן "פּטור" וואָס ערשט דאַן קען מען טראַכטן פון אַרויספאָרן פון ארץ ישראל. איך בין געוואָרן ממש פאַרלוירן. אויב מיין זון נ"י זאָל דאַרפן וואַרטן א פאָר חדשים מיינט דאָס אַז ער קען נישט אַרויספאָרן פאַר טיף אינמיטן זמן, נו וואָס געב איך מיך דאָ אַן עצה?

כ'האָב מיך באַלד פאַרבינדן צו עטליכע פּראָפעסיאָנאַלע עסקנים וועלכע האָבן שוין ערפאַרונג אויף דעם געביט, מ'האָט אָנגעהויבן איינצולייגן וועלטן אַז מיין זון זאָל באַקומען א פריערדיגן דאַטום ווען זיך צו דאַרפן שטעלן, האָפענדיג צו באַקומען א "היתר יציאה" אויף סיי וועלכן אופן, אָבער עס האָט זיך נישט איינגעגעבן. וויפיל מ'האָט געטון און געאַרבעט האָט עס נישט געברענגט קיין שום רעזולטאַטן.

דאָ איז שוין אָט אָט ראש חודש אייר. אַלע היזיגע בחורים פאָרן שוין באַלד אַרויס, און קיין וועג אַרויס פאַר מיין זון נ"י איז דערווייל נישט דאָ. אויסער דעם עצם צער אַז מיין זון וועט נישט אָנקומען אין די ישיבה באַצייטענס, האָט דאָס - ווי פאַרשטענדליך - געמיינט א געוואַלדיגע געלד שאָדן פון די טיקעט וואָס איז שוין געווען איינגעקויפט, און אַנדערע שאָדענס וואָס דאָס וואָלט געברענגט.

אַזוי טראַכטענדיג וואָס צו טון האָב איך מיך פּונקט דערמאַנט די הייליגע ווערטער וואָס מרן רביה"ק זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט "ווער עס וועט שטיצן מיינע מוסדות וועל איך אים נישט שולדיג בלייבן". האָב איך גלייך צוגעזאָגט א סכום פאַר אונזערע היזיגע מוסדות יטב לב אין ירושלים, און כ'האָב געבעטן אין תלמוד תורה, אַז די קינדער זאָלן מתפּלל זיין פאַר די הצלחה פון מיין זון נ"י אַז ער זאָל וואָס פריער באַפרייט ווערן פון מיליטער, כדי ער זאָל קענען אַרויספאָרן קיין חו"ל בעתו ובזמנו. כאָטש מיט די פליישיגע אויגן האָט עס אויסגעקוקט ווי אַן אוממעגליכע זאַך, האָב איך דאָך געטראַכט היפלא מה' דבר? אפשר אין זכות פון די הייליגע מוסדות וועט זיין א ישועה.

א סכום געלט איז איין זאַך, אָבער "טאָפּעלט איז שטערקער" זאָגט די וועלט, און מיין זון נ"י האָט זיך עקסטער מקבל געווען א קבלה טובה, אַז אויב השי"ת וועט אים העלפן, ער וועט ביז עטליכע טעג אָנקומען קיין ניו יאָרק, וועט ער ווערן א "רבי מאיר בעל הנס גבאי" און וועט יעדן טאָג אַרומגיין אין די ישיבה גדולה מיט א "יטב לב פּושקע".

די משפּחות אין ארץ ישראל זענען שוין גוט באַקאַנט מיט די פאַרשידענע פּראָצעדורן ווי אַזוי מ'ווערט פּטור פון מיליטער... וואָס - ווי דערמאַנט - אין אַלגעמיין געדויערט דאָס לכה"פ א שיינע פאר חדשים, און איך וועל כמובן נישט מאריך זיין מיט'ן השתלשלות העניינים ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען ביי מיר, זייענדיג פון די "דברים שהשתיקה יפה להם"... אָבער אַזויפיל האָב איך קלאָר געזען, אַז דעם רבי'נס ווערטער זענען קאים וקיימים. קיין חדשים און ניטאַמאָל קיין טעג האָט ער געדאַרפט וואַרטן... ווי נאָר מיין זון נ"י האָט זיך צום ערשטן מאָל געשטעלט פאַר זיי, האָט ער תיכף באַקומען דעם "פּטור" און שוין צומאָרגענס איז מיין זון נ"י געווען אויפ'ן פליגער קיין ניו יאָרק, קומענדיג לערנען אינעם בית אולפנא רבתי, ישיבה גדולה דקרית יואל.

נתחזק ונתאמץ ווייטער ממשיך צו זיין בעבודת הקודש מיט פאַראייניגטע כוחות, ובשם ה' נעשה ונצליח לטובת די הייליגע מוסדות דאָהי אין ארה"ק.

ידידיכם הנאמן, שמואל ראטער'

(חבר הנהלת מוסדותינו בירושלים עיה"ק)